# די גוטע בּשורה לויט מאַרקוס

1 דאָס איז דער אָנהויב פֿון דער בּשורה טובה
2 פֿון ישוע המשיח, דעם בּן אלקים. לויט ווי עס
שטייט געשריבּן אין ישעיהו הנביא:
זע, איך שיק מײַן שליח פֿאַר דײַן פּנים,
ער וועט צוגרייטן דײַן וועג; (מלאכי ג׳ א׳.)
3 אַ קול פֿון איינעם, וואָס רופֿט אויס אין דער מדבּר:
מאַכט פֿערטיק דעם האָרס וועג,
גלײַכט אויס זײַנע שטעגן! (ישעיהו מ׳ ג׳.)
4 יוחנן איז געקומען, וואָס האָט טובל געווען אין
דער מדבּר, אויסרופֿנדיק אַ טבילה פֿון תשובה צו
5 דער פֿאַרגעבּונג פֿון זינד. און עס איז אַרויסגע־
גאַנגען צו אים דאָס גאַנצע לאַנד יהודה, און אַלע
לײַט פֿון ירושלים; און זענען געטובלט געוואָרן
פֿון אים אין דעם טײַך ירדן, און האָבּן זיך מתוודה
6 געווען אויף זייערע זינד. און דער יוחנן איז געווען
אָנגעטון אין קעמל־האָר, און אַ לעדערנער גאַרטל
אַרום זײַנע לענדן, און האָט געגעסן היישרעקן
7 און ווילדן האָניק. און ער האָט אויסגערופֿן, אַזוי צו
זאָגן: עס קומט נאָך מיר דער, וואָס איז שטאַרקער
פֿון מיר; וואָס איך בּין נישט ווערט זיך אײַנצובּייגן
8 און אויפֿצובּינדן דאָס שנירל פֿון זײַנע שיך. איך
האָבּ אײַך טובל־געווען מיט וואַסער, ער אָבּער
וועט אײַך טובל־זײַן מיט דעם רוח־הקודש.
9 און עס איז געשען, אין יענע טעג איז ישוע
געקומען פֿון נצרת אין גליל, און איז געטובלט
10 געוואָרן פֿון יוחנן אינעם ירדן. און גלײַך ווי ער
איז אַרויסגעשטיגן אויס דעם וואַסער, האָט ער
געזען דעם הימל געשפּאָלטן, און דעם גייסט ווי
11 אַ טויבּ אַראָפּשוועבּן אויף אים; און עס איז געקומען